# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Reyzele (Lid)/ Reyzele (Poem)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/32z4b74m


### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)


### Author
Chaim Leib Fuchs, Khayim Leyb Fuks/


### Publication Date
1981


### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

**חיים לייב פוקס / מאָנטרעאָל**

# רייזעלע...

ווי אַ פרילינג־זון האָסטו אַריינגעשיינט אין מיין לעבן
און יעדער טאָג איז געוואָרן מיר העלער נאָך פון העל.
עס זענען צוריקגעקומען צו מיר די חלומות און דאָס שטרעבן
און ליכטיק איז ווידער געוואָרן מיין חלום־וועלט.

ווי די פייגל, וואָס קומען צוריק צו זייערע זומער־נעסטן,
איז צוריקגעקומען די יוגנט אין מיין נייעם ליד,
ווען איך וואָלט געקענט דעם וועג צו דיר אויסמעסטן
וואָלט איך פאַרשנעלערט צו דיר מיינע טריט.

איצט בליען מיינע גערטנער, ווי פאַרפומען צאַרטע,
און יעדער צווייגל רייפט מיט חן און פרייד...
ביסט געקומען צו מיר, ווי אַ חלום, אַ נישט דערוואַרטער,
ווי אַ בוים וואָס ווערט נאָכן ווינטער־פראָסט באַנייט...

איצט זינג איך ווידער מיינע יונגע האַרצנס לידער,
און מיין האַרץ אַליין בליט אויף ווי אַ רויטע רויז;
דו ביסט אַליין דאָס שענסטע ליד פון מיינע לידער
און דו בליסט אַליין אויך און שפּראָצט אַרויס.

ווי די רויטע רויזן, וואָס עפענען זייערע הערצער,
פון דער זון געוועקט אין פרילינגס אינדערפרי;
ווי מיט אַ מאַמעס הענט האָסטו אַראָפּגעווישט די שמערצן
וואָס האָבן לאַנגע יאָרן אין מיינע בלוטן געגליט...

איצט ווייס איך ווידער וואָס עס מיינט צו זיין אַ מענטש,
איצט פיל איך ווידער וואָס עס מיינט אַ ליבע היים;
ווי די פרילינגס זון האָט מיין ליבשאַפט דיך געבענטשט,
ווי די פרילינגס זון האָסטו אין מיין לעבן אַריינגעשיינט...